# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................. **7:51**
מוצאי שב"ק..................... **9:21**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........................... יחזקאל ב-ג
בבלי.................... בבא בתרא לט
ירושלמי......................... ביצה ו
תוספתא................... תמורה ד
רמב"ם................. איסורי מזבח ב


פרשת מטות מסעי, כ"ח תמוז, אבות פרק ב', שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 42 (660)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה אֶת מוֹצָאֵיהֶם לְמַסְעֵיהֶם עַל פִּי ה׳**

אַ מֶענְטְש דַארְף װיסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז אֱלֹקוּת, אוּן אַלֶעס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר שִׁיקְט מִיר רְמָזִים אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט, אִיךְ דַארְף עֶס נָאר הֶערְן. וָואס דָאס הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַ יְסוֹד אִין לֶעבְּן, אַז אַ מֶענְטְש זָאל װיסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הֶערְט, אוּן עֶר זֶעט, זָאגְט מֶען אִים מוּסָר.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה: עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אִיר הָאט אַ נֵייעֶם װֶועג! אוּן אִיךְ וִויל אַייךְ פְרֶעגְן דֶערוֹיף קַשְׁיוֹת, אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיר װֶועט נִישְׁט אוֹיף מִיר בְּרוֹגֶז זַיין". זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: "אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז, אִיר קֶענְט פְרֶעגְן!"

עֶר הוֹיבְּט אָן צוּ פְרֶעגְן, פוּן וואוּ עֶר נֶעמְט דֶעם נֵייעֶם װֶועג, הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ דֶערְצֵיילְט: וְויאַזוֹי עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אוּן אַז דֶער טַאטֶע הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט צַוָואָה, אוּן גֶעזָאגְט: יִשְׂרָאלִיק! זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, זָאלְסְט וויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט דִיר, בַּיי דִיר, אִין דִיר, אוּן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר װֶועט דִיר אַלֶעס גֶעבְּן. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מִיט אִים גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן אֵיין שְׁמוּעֶס צוּם צְוֵייטְן, בִּיז עֶר זָאגְט אִים: װֶועסְט זֶען אַז אֲפִילוּ וָואס אַ גוֹי זָאגְט, זָאגְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער.

פְּלוּצְלִינְג קְלַאפְּט אַרַיין אַ גוֹי אַ הֶענְדִי-מַאן אוּן פְרֶעגְט: אִיר הָאט עֶפֶּעס צוּ פַארֶעכְטְן? זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: גֵיי גֵיי, בַּיי מִיר אִיז אַלֶעס פַארְרָאכְטְן. אָבֶּער וְויבַּאלְד יֶענֶער וִויל פַארְדִינֶען אַפָּאר גְרָאשְׁן לָאזְט עֶר נִישְׁט נָאךְ אוּן פְרֶעגְט: אֶפְשָׁר בַּיים טִישׁ אִיז עֶפֶּעס צוּבְּרָאכְן אָדֶער קַאלְיֶע גֶעוָוארְן? עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ בַּיי מַיין טִישׁ אִיז אַלֶעס בְּסֵדֶר! פְרֶעגְט עֶר: אֶפְשָׁר דֶער בֶּעט דַארְף מֶען פַארֶעכְטְן? עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: מַיין בֶּעט אִיז בְּסֵדֶר. אַזוֹי הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי שְׁטוּבּ, בִּיז עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, דוּ זֶעסְט: עֶר אִיז מַיין מוּסָר סֵפֶר! עֶר זָאגְט מִיר: אֶפְשָׁר מַיין טִישׁ אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר אַז אִיךְ עֶס חָלִילָה נִישְׁט קַיין כָּשֵׁר'ע זַאכְן? זָאג אִיךְ אִים: מַיין טִישׁ אִיז בְּסֵדֶר, פְרֶעגְט עֶר: אֶפְשָׁר בַּיים בֶּעט טוֹיג נִישְׁט? אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: בַּיי מִיר אִיז דִי בֶּעט גוּט, אוּן אַזוֹי מִיט יֶעדֶע זַאךְ.

זָאגְט דֶער גָאוֹן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: אַלֶעס קֶען אִיךְ אָנְנֶעמֶען, אָבֶּער נִישְׁט דָאס, אַז אַ גוֹי זָאל מִיר זָאגְן מוּסָר, אוּן אַז װֶוען דֶער גוֹי רֶעדְט, אִיז עֶר אַ שָׁלִיחַ פוּן בַּאשֶׁעפֶער. זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: "זָאג נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, זָאג אַז דוּ ווילְסְט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, וויל; װֶועסְטוּ קֶענֶען!", מִיט דִי װֶוערְטֶער אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען מִיט כַּעַס פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ. אוֹיפְן װֶועג הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ גֶערֶעגְט אוּן גֶעגִיפְט, דָאס לֶערְנְט מֶען דָא, אַז אֲפִילוּ וָואס אַ גוֹי זָאגְט, אִיז דָאס דֶער בַּאשֶׁעפֶער?! אוּן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז 'דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען', זָאגְט עֶר: 'דוּ קֶענְסְט יָא נָאר דוּ ווילְסְט נִישְׁט'.

אַזוֹי פָארְנְדִיג אִינְמִיטְן װֶועג, הָאט זִיךְ אַ וָואגְן פוּל מִיט פֵּירוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אוּן דֶער גוֹי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַלֵיין אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם פֶערְד, הָאט זִיךְ דֶער גוֹי גֶעבֶּעטְן בַּיי דֶעם רָב: קוּמְט אוּן הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס, זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ קֶען נִישְׁט! זָאגְט אִים דֶער גוֹי: "זָאג נִישְׁט דוּ קֶענְסְט נִישְׁט, זָאג דוּ ווילְסְט נִישְׁט; װֶועסְט װֶועלְן, װֶועסְטוּ קֶענֶען מִיר הֶעלְפְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם פֶערְד!"... ווי נָאר עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזוּכְט נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי גֶעבֶּעטְן לָאמִיר אִים הֶעלְפְן, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ צוּרִיק גֶעפָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, כְּדֵי דָאס אִים צוּ פַארְצֵיילְן אוּן מוֹדֶה זַיין צוּ אִים, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אִיז אִים שׁוֹין אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: הָאסְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַזוֹי ווי מַיינֶע אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים? אוּן אַז דוּ ווילְסְט װֶועסְטוּ קֶענֶען.

(קוּנְטְרֵס עֶס װֶועט זַיין גוּט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חוֹדֶשׁ אָב

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין חוֹדֶשׁ אָב, אַ חוֹדֶשׁ אִין וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל עֶס שׁוֹין צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן.

דֶער טְרוֹיעֶר אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן מִיט צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק, נָאר מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיךְ אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ. דֶער מֹחַ פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין אַ בֵּית הַמִקְדָשׁ, עֶס דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן װֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן, אוּן אוֹיף דֶעם טְרוֹיעֶרְן מִיר אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ, צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דָאס אִיז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, װֶוען אַ אִיד מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, װֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.


<<<<<<


## א גוט ווארט

מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף שִׂנְאַת חִנָּם, זוּכְן ווִי מִיר קֶענֶען שָׁלוֹם מַאכְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵייטְן, קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט מַחֲלֹקֶת, אוּן אַוַדַאי נִישְׁט מִיט מַחֲלֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם; דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן צוּלִיבּ שִׂנְאַת חִינָּם.

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם עֶרֶב שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אֵיינֶעם וָואס יֶענֶער הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ גֶעוֵויינְט װֶוען יֶענֶער הָאט מִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן וֵויי גֶעטוּן; דָאךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועזְן אוּן גֶעטְרַאכְט 'יֶענֶער הַאלְט אַז אִיךְ הָאבּ אִים וֵויי גֶעטוּן אוּן אִיךְ הַאלְט אַז יֶענֶער הָאט מִיךְ וֵויי גֶעטוּן, אִיז ווִי קֶען מֶען זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן?' אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן יֶענֶעם אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מטוי"מ תשפ"ד)




דער מולד וועט זיין: זונטאג ביינאכט 53 מינוט און 11 חלקים נאך 1 | ראש חודש מנחם אב יהיה ביום השני

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ז לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן כַּעַס; חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קה:): "כָּל הַכּוֹעֵס כְּאִילּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה", וֶוער עֶס רעגט זִיךְ אוֹיף אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה; וַוייל מִיט דֶעם וָואס עֶר וֶוערְט בְּכַעַס, וַוייזְט עֶר אַז עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶר גְלֵייבְּט אַז קֵיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעהט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אִיז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וָואס פְּרוּבִּירְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סח) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אִין כַּעַס פַאַרְלִירְט עֶר זַיין גֶעלְט, אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס דַארְף קוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת צוּם מֶענְטְשׁ, קוּמְט דֶער סָמֶךְ מֵ"ם אוּן בְּרֶענְגְט אַ נִסָּיוֹן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף פַאַרְלִירְט עֶר דָאס עֲשִׁירוּת וָואס עֶר וָואלְט וֶוען בַּאקוּמֶען; אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס פוּן פָאַרְאוֹיס - אַז דוּרְכְ'ן וֶוערְן אִין כַּעַס וֶועט עֶר פַאַרְלִירְן זַיין גֶעלְט, מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז עֶס אַזַא גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט פַאַרְלוֹירְן אוּן עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף.

בִּפְרַט פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ דַארְף מֶען מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אִין שְׁטוּבּ; דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א שְׁרַייבְּט אַז עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדְן שְׁטוּבּ, אוּן עֶר וַוארְט נָאר אַז עֶס זָאל אוֹיסבְּרֶעכְן אַ מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארטְרָאגְן זִיךְ, בְּעִקָּר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וַוייל וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קֵיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי, אוּן עֶר וֶוערְט אַרוֹיס גֶעטְרִיבְּן פוּן אַזַא סָארְט שְׁטוּבּ. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, עֶס זָאל גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט.

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז מֶען מְסַיֵּם סֵדֶר בַּמִּדְבָּר; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס אַזוֹי אַרַיין גֶעבַּאקְן אִין אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג נֶעמֶען אַ חוּמָשׁ אוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי, וָואס אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי הֲלָכָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה, סְעִיף ג): "חַיָּיב אָדָם לְהַעֲבִיר הַסִּדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאַחַד תַּרְגּוּם עִם הַצִּבּוּר, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט הָאבְּן אֲרִיכַת יָמִים וְשָׁנִים.

דֶער אֲרִיזַ"ל שְׁרַייבְּט אַז מֶען זָאל עֶס טוּן פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, אוּן מֶען דַארְף אֵייבִּיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ, אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶענְט אַ חוּמָשׁ דִי וָואךְ? אִיךְ הָאבּ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ? אוּן אַז מֶען פָאלְגְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן פוּן זוּנְטָאג, אוּן יֶעדְן טָאג זָאל מֶען אַבִּיסְל לֶערְנֶען, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען עֶנְדִיגְט יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט דִי פַּרְשָׁה יֶעדְן טָאג.

אִיךְ וואוּנְדֶער מִיךְ צוּ זֶען בַּיי אוּנְז אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִינְגֶעלַייט תַּלְמִידֵי הַיְּשִׁיבָה וָואס שַׁבָּת בַּיים דַאוֶוענֶען נֶעמֶען זֵיי דֶעם חוּמָשׁ אוּן זֵיי הֵייבְּן אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; קוֹדֶם כָּל דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, אַז וֶוען מֶען דַאוֶוענְט מֶען, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט לֶערְנְט מֶען, מֶען מִישְׁט נִישְׁט אוֹיס דִי יוֹצְרוֹת. אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אַ קִינְד וָואס זֶעט וִוי זַיין טַאטֶע דַאוֶוענְט נִישְׁט, נָאר עֶר שְׁמוּעֶסְט אָדֶער עֶר לֶערְנְט אַ גַאנְצְן דַאוֶוענֶען, אִיז בָּרוּר אַז דָאס קִינְד וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט דַאוֶוענֶען הַשֵּׁם יִשְׁמֹר; צְוֵוייטְנְס, וָואס טוּסְטוּ אַ גַאנְצֶע וָואךְ? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י? אַז מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּ אַ צַדִּיק אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַלֶע מַדְרֵגוֹת.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מטו"מ תשע"ז)

<<<<<< מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### דֶער צֵירוּף פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ

דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער שֵׁם הוי"ה - קֶען מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אוֹיף צְוֶועלְף וֶועגְן, אוּן דָאס זֶענֶען קֶעגְן דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, יֶעדֶע חוֹדֶשׁ שַׁיינְט אַן אַנְדֶערֶע צֵירוּף פוּנֶעם שֵׁם. אִין חוֹדֶשׁ אָב שַׁיינְט דֶער צֵירוּף אוֹיף דִי וֶועג – "הוי"ה", וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים כז ט) הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ – אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֶערְטְס צוּ, דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זֶענְט אִיר גֶעוָוארְן אַ פָאלְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְוָואס פוּנְקְט דֶער שֵׁם פוּן דֶעם פָּסוּק, שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב? אוּן מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן אַז וֶוען מֶען וִויל זָאגְן דֶעם שֵׁם – דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן דֶעם שֵׁם, זָאגְט מֶען עֶס אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס שַׁיינְט אִין חוֹדֶשׁ אָב "דֶעם שֵׁם הַוָי"ה". פַארְוָואס פוּנְקְט אוֹיף דֶעם וֶועג?

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס"ג:) אַז פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פִיר זַאכְן, אוּן דִי פִיר זַאכְן זֶענֶען דִי יְסוֹדוֹת וִוי אַזוֹי אַ אִיד קֶען זִיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶס טַאקֶע פַּאסִיג פַאר יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אָב וֶוען יֶעדֶער וִויל צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס וִויכְטִיג פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דֶערְפַאר אִיז מֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דֶעם וֶועג.

### יֶעדְן טָאג פוּן נֵיי

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לֶערְנְט דִי גְמָרָא אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַיּוֹם הַזֶּה" נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, אַז יֶעדְן טָאג דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן אַז הַיינְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף וִויסְן וֶוען עֶר וִויל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, קֶען מֶען יֶעדְן טָאג צוּרִיק קוּמֶען אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט הַיינְט גֶעגֶעבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן.

אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, "אִיךְ וֶועל הַיינְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער וֶוער זָאגְט אַז מָארְגְן וֶועט עֶס נָאךְ אָנְהַאלְטְן?", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס עֶס גֵייט זַיין מָארְגְן, יֶעדְן טָאג דַארְף אַ אִיד פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה

וֶוען אַ אִיד וִויל אָבֶּער אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען, קוּמְט אִים גְלַייךְ אַרַיין אִין קָאפּ "וֶוער בִּין אִיךְ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה? עֶס אִיז טַאקֶע דָא גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, אִידְן וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן זִיצְן אוּן הָארֶעוֶוען אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ קוּם דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט צוּ צוּ זֵייעֶר שְׁפִּיץ פִינְגֶער, וִוי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְגְלַייכְן צוּ זֵיי? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען?"

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס דִי גְמָרָא לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם וְכוּ' - עֲשׂוּ כִּתּוֹת כִּתּוֹת וְעִסְקוּ בַּתּוֹרָה" - בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דָא אַסַאךְ כִּתּוֹת, עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אִידְן וָואס קֶענֶען זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין תּוֹרָה, אוּן לֶערְנֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע עִיּוּן אוּן מִיט פִּלְפּוּלִים; אוֹיבּ אָבֶּער בִּיזְטוּ פוּן אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי בְּעִיּוּן, דַארְפְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, וַוייל יֶענֶער גֵייט אִין אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בִּכְלַל וָואס מֶען זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, בְּלוֹיז מִיטְן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, אוּן דָאס רֵייניִגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אִיךְ בִּין צוּבְּרָאכְן

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זָאגְן, "אִיךְ וִויל טַאקֶע לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן צוּהַאקְט פוּן דִי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט צוּזַאם נֶעמֶען אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה".

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי דְרִיטֶע זַאךְ וָואס דִי חֲזַ"ל לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - כִּתְּתוּ עַצְמְכֶם עַל דִבְרֵי תּוֹרָה, שֶׁאֵין דִבְרֵי תּוֹרָה מִתְקַיְּמִין אֶלָּא בְּמִי שֶׁמֵּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ" - דִי תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט וֶוען עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער, וֶוען עֶר אִיז גֶעדְרוּקְט, דָאס הַאלְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת אִיז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה. אִין תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ שְׁטֵייט (פֶּרֶק ו') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זָאל עֶר לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן אַלֶע יִסוּרִים אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

### אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין וָוארְט

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר צוּבְּרֶעכְט זִיךְ דִי צֵיין קוֹים אַרוֹיס צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי פֶערְטֶע זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - הַס וְאַחַר כַּךְ כִּתֵּת, דְאָמַר רָבָא לְעוֹלָם יִלְמַד אָדָם תּוֹרָה וְאַחַר כַּךְ יֶהְגֶּה" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוֹדֶם זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ זַיין מֹחַ צוּם סוֹף עֶפֶענֶען, אוּן עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אוּן קֶענֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

קוּמְט אוֹיס אַז פוּן דֶעם פָּסוּק הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם, וָואס פוּן דָא קוּמְט אַרוֹיס דֶער שֵׁם וָואס שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, פוּן דֶעם פָּסוּק קוּמְט אַרוֹיס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק פַאר יֶעדְן אִיד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת אִיז אוֹיךְ נָאר דִי אֵיינְצִיגֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה.

דִי אַלֶע לִמּוּדִים אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקֶן יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער חוֹדֶשׁ אָב, וַוייל דוּרְךְ דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט אַ מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל אוּן עֶר וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם פַארֶעכְט עֶר זַיין אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, עֶר בּוֹיעֶט אוֹיף אִין זַיין מֹחַ דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר בִּינְד צוּ זַיין מֹחַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי תּוֹרָה.

דֶערְפַאר אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דִי וֶועג "שֵׁם הַוַיָ"ה", וַוייל דִי חִיזוּק וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק קֶען צוּנִיץ קוּמֶען פַאר יֶעדְן אִיד שְׁטֶענְדִיג.

### מִילְכִיגְס אִין דִי נַיין טֶעג

אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט טַעֲמִים פַארְוָואס אִידְן פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן מִילְכִיגְס אִין דִי נַיין טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב (עַיֵּין ספה"ק זֶרַע קוֹדֶשׁ פ' בָּלָק וּפ' דְבָרִים), אָבֶּער מִיט דֶעם קֶען מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטֵיין, וַוייל יֶעצְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ נֶעמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז דִי טֶעג זֶענֶען מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וָואס דֶעמָאלְט עֶסְט מֶען אוֹיךְ מִילְכִיגְס.

וֶוען אַ אִיד וֶועט אוֹיסְנוּצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב צוּ מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, זָאל עֶר כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה. וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז דִי תּוֹרָה וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן אִין אִים אוֹיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי כֹּחַ אוּן חֵשֶׁק וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# דַארְף מֶען זִיךְ עַקְשְׁ'עֶנֶען, אָדֶער זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָּשׁ כְּמַיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה. לֶעצְטְנְס הָאב אִיךְ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען מוּטְשֶׁען אוּן פֶּגַע'ן, אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיין קִינְד קָאפֶּעט אוּן פַארְפִירְט בִּיז עֶר בַּאקוּמְט וָואס עֶר דַארְף. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זִינְגְט אִיר דֶעם נִיגוּן: "זָאל זַיין אַזוֹי, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל", אַז מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶועלְן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל; וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעטְן דִי צְוֵויי אִינְאֵיינֶעם, דַארְף מֶען זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן, אָדֶער זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

אוֹיךְ הָאב אִיךְ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז דֶער עִנְיָן פוּן שִׁידוּכִים לִיגְט אִינְגַאנְצְן נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֵיינְט דָאס צוּ זָאגְן אַז מֶען דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם הִשְׁתַּדְלוּת פַאר שִׁידוּכִים, נָאר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיטְ'ן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה דַארְף עֶר בֶּעטְן, וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים שִׁיקְן אַ יְשׁוּעָה. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין אַ דוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סד.): "כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה - הַשָּׁעָה דוֹחַקְתּוֹ", וֶוער עֶס עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ - עֶר זָאגְט 'עֶס מוּז יֶעצְט גֶעשֶׁעֶן דָאס אוּן דָאס' - דֶער וֶועט וֶוערְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אוּן צֶעבְּרָאכְן.

חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנָה, יַחֲזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן עֶר הָאט עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ, וְקַוֵּה אֶל ה'"; וַוייל אַז מֶען עַקְשְׁ'נְט זִיךְ אַיין מִיט תְּפִלָּה, מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דַאן זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְף מֶען וִויסְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "כָּל הַמַּאֲרִיךְ בִּתְפִלָּתוֹ וּמְעַיֵּין בָּהּ - סוֹף בָּא לִידֵי כְּאֵב לֵב", וֶוער עֶס זָאגְט: 'אִיךְ בֶּעט אַזוֹי סַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ זֶע נָאךְ נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה', דֶער בַּאקוּמְט הַארְץ וֵוייטָאג, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יג, יב): "תּוֹחֶלֶת מְמוּשָּׁכָה מַחֲלָה לֵב", אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם, דִבּוּר הַמַּתְחִיל "וּמְעַיֵּין בָּהּ"): "מְצַפֶּה שֶׁתֵּעָשֶׂה בַּקָּשָׁתוֹ עַל יְדֵי הַאֲרָכָתוֹ, סוֹף שֶׁאֵינָהּ נַעֲשֵׂית, וְנִמְצֵאת תּוֹחֶלֶת מְמֻשֶּׁכֶת חִינָם, וְהִיא כְּאֵב לֵב כְּשֶׁאָדָם מְצַפֶּה וְאֵין תַּאֲוָתוֹ בָּאָה"; עַיֵּין שָׁם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִלָּתוֹ - שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁ'עֶנֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט, אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן אִיז נִישְׁט. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְּזֵלָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ' - הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִילָּתוֹ",

BreslevCenter.com\answers

<<<<<<

וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער, אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעטְן, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ׳עַקְשְׁ׳עֶנֶען אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִילַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל."

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן מְיֵיאוּשׁ וֶוען מֶען זֶעט וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט אוּן מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט וָואס מֶען בֶּעט; מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוֹיסְצוּוַאוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין צוּ אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן שִׁיקְן דִי יְשׁוּעָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן; עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס דְרוּקְט אִים אוּן עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין אַדְרֶעס פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער - דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ה׳ מִכְתָּב שעט)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# אנשי שלומינו באוויינען די פטירה פון האשה החשובה מרת רייזל פארקאש ע"ה

אנשי שלומינו באוויינען די פטירה פון די חשובע רביצין פון בית המדרש היכל הקודש אויף העיס, מרת רייזל פארקאש ע"ה.

די נפטרת ע"ה האט זוכה געווען צו משמש זיין דעם הייליגן רבי'ן פאר צוויי צענדליגע יארן, ווען פאר איבער אכצן יאר צוריק האט זי געעפענט ביי זיך אין שטוב דער ערשטער מנין פאר אנשי שלומינו אין קרית יואל, און דערנאך האט זי געגומען איר אייגענע דירה וואס פלעגט אריינברענגען א שיינע הכנסה, און עס געלאזט פארוואנדלען אין א בית המקדש מעט, א פלאץ פון השראת השכינה, פון וואו עס איז ארויס אין די אלע יארן אן א שיעור התחזקות, תורה, און אמונה פאר תושבי קרית יואל.

די נפטרת וועלכע פלעגט גערופן ווערן "באבי פארקאש" וואס זי האט זיך ערווארבן צוליב איר איבערגעבענקייט, ווען זי פלעגט זיך אפגעבן מיט די פרויען און קינדער פון אנשי שלומינו ווי א באליבטע באבע צו אירע קינדער און אייניקלעך, זיך פלעגט אלץ שטיין צו אלעמען צו די רעכטע האנט, און האט זיך שטענדיג געפרייט צו ארויסהעלפן. זי פלעגט אלעס טון מיט אירע צוויי הענט אין די אלע יארן פאר'ן בית המדרש, זי פלעגט אנגרייטן די מזונות און טשאלענט פאר די קידוש יעדן שבת אינדערפרי, אזוי אויך פלעגט זי צוגרייטן אליינס די שלש סעודות. און אויסער וואס דאס אויפרוימען דאס בית המדרש האט זיך גענומען אויף אירע פלייצעס פלעגט זי פלעגט כסדר זיך אומקוקן אויפן בית המדרש און רופן בעלי מלאכה צו פאררעכטן אלעס וואס האט נאר אויסגעפעלט.

זי האט געטריי זיך אפגעגעבן מיט איר חשוב׳ע מאן יבלחט"א הרה"ח ר׳ אברהם חיים פארקאש שליט"א, און ערצויגן אירע חשובע קינדער בדרך המסורה. זי פלעגט זיך אנשטרענגען יעדעס יאר, צו העלפן איר מאן און קינדער זאלן קענען פארן קיין אומאן צום הייליגן רבין, א זאך וואס זי פלעגט טון מיט די גרעסטע מסירת נפש.

דער אויבערשטער האט איר געהאלפן אז זי האט געהאט די זכי׳ איבערצולאזן הערליכע דורות, קינדער און אייניקלעך יראים ושלמים, פילע פון אירע קינדער און אייניקלעך וואס זענען מפיצים, פארציילן ווי די באבע ע"ה פלעגט זיי אלץ מחזק זיין, און זאגן אז דאס איז איר גרעסטע כבוד ווען זי הערט צוריק איבער אירע קינדער און אייניקלעך וועלכע קוקן נישט אויף זייער אייגענע כבוד, נאר זענען זיך מוסר נפש פאר אנדערע אידן.

די נפטרת ע"ה מיט אירע גרויסע זכותים וואס זיך האט אריינגעכאפט אויף דער וועלט, האט מיט וואס ארויפצוגיין צו בית דין של מעלה. מיר אלע וואס בלייבן דא איבער וועלן זיך אפלערנען צו גיין אין אירע וועגן, צו פאלגן צדיקים מיט מסירת נפש.

**ותשחק ליום אחרון!**

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

## כוס תנחומין

מיר ווילן אויסדרוקן אונזער טיפסטע טרייסט וואונטשן פאר

**מוה"ר אברהם חיים פארקאש שליט"א**

**וועלכע טרויערט אויף די פטירה פון זיין בני בית**

**און פאר די גאנצע משפחה**

**וועלכע טרויערן אויף די פטירה פון זייער חשובע מאמע**

**האה"ח מרת רייזל ע"ה בת ר׳ חנני יו"ט ליפא ז"ל**

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים, מ׳זאל מער נישט וויסן פון קיין צער און צרות, ס׳זאל נאר זיין שמחות ביי אידישע קינדער, ויה"ר שיבלע המות לנצח בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **שלמה בריסק** הי"ו קרית יואל

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**

***

מו"ה **הערשל כ"ץ** הי"ו וויליאמסבורג

**צום געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יוסף זינגער** הי"ו בארא פארק

**צום געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **דוד יעקב יאקאבאוויטש** הי"ו יבנאל

**צום געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **יצחק אפעלבוים** הי"ו לעיקוואד

**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**

החתן **חיים ישראל** הי"ו עב"ג בת

מו"ה **משה אהרן שפילמאן** הי"ו וויליאמסבורג

***

מו"ה **משה כהנא** הי"ו ירושלים

דער איבערטייטשער פון גליון שיעורי חינוך

**צו די שידוך שליסן פון זיין זון עב"ג למזל טוב**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >